**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/8/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול אנאנסירט אנגעהויבענע ארבעט אויף 9.5 ביליאן דאלערדיגן נייעם 'טערמינאל איינס' אין א גרויסע פאראויס-טריט פאר פארט אויטאריטעט'ס דזשעי-עף-קעי טראנספארמאציע**

***2.4 מיליאן סק. פוס אינטערנאציאנאלע טערמינאל וועט געבויט ווערן אין פאזעס אויף ערטער פון איצטיגע T1 ,T2, און געוועזענע T3***

***אנקום און ארויספאר זאל און ערשטע נייע געיטס וועלן געעפנט ווערן אין 2026***

***דער נייער 'טערמינאל איינס' וועט זיין דער גרעסטער טערמינאל ביי JFK אינטערנאציאנאלע לופטפעלד און פארטרעט אן אינטעגראלע טייל פון דעם 18 ביליאן דאלערדיגן טראנספארמאציע פראיעקט איצט שוין גוט אונטערוועגנס***

***פריוואטע צוזאמארבעטער וועלן פארזארגן פינאנצירונג צו דעקן פולע קאסטן פון טערמינאל; פארט אויטאריטעט צו בויען שטיצע ראוד און יוטיליטי אינפראסטרוקטור***

***סטעיט-אָוו-דע-אַרט טעכנאלאגיע, בעסטע שטאנדהאפטיגקייט פירונגען, עפנטליכע קונסטווערק, איקאנישע ארטיגע קאנצעסיעס און איבערגעמאכטע שאסייען וועלן שאפן א וועלטס-קלאסישע פאסאזשיר דורכלעבעניש***

***פראיעקט וועט שאפן איבער 10,000 סך הכל דזשאָבס אריינגערעכנט 6,000 יוניאָן קאנסטרוקציע דזשאָבס***

***רעכנט אריין 30 פראצענט MWBE ציל פאר קאנטראקטן און פינאנצירן אינטערעסן; ברייטע געלעגנהייטן פאר ארטיגע ביזנעסער און דזשאָב זוכער געפירט דורך קאמיוניטי באראטונגס קאונסיל***

***מאלערייען פאר'ן נייעם 'טערמינאל איינס' צו געפונען [דא]***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט געפייערט א הויפט גרייכפונקט אין דער פארט אויטאריטעט'ס טראנספארמאציע פון דזשאן עף. קענעדי אינטערנאציאנאלע לופטפעלד מיט'ן אנהייבן ארבעט אויף א 9.5 ביליאן דאלערדיגער, פריוואט-פינאנצירטער נייעם 'טערמינאל איינס'. דאס אנהייבן קאנסטרוקציע קומט נאך א געענדערטן אפמאך געשלאסן ענדע פאריגעס יאר צווישן דער פארט אויטאריטעט און דעם נייעם 'טערמינאל איינס' — א קאנסארטיום פון פינאנציעלע ספאנסירער — צו בויען דעם 2.4 מיליאן סקווער-פוסיגן טעכנאלאגיש פארגעשריטענעם נייעם אינטערנאציאנאלן טערמינאל וואס וועט זיין דער הויפט טייל פונ'ם דרום זייט פון דזשאן עף. קענעדי אינטערנאציאנאלע לופטפעלד און שאפן 10,000 דזשאָבס, אריינגערעכנט 6,000 דזשאָבס אין קאנסטרוקציע.

״אונזער סטעיט-אָוו-דע-אַרט רענאוואציעס אויף ניו יארק סטעיט׳ס לופטפעלדער זענען קריטיש-וויכטיג און לאנג פארשפעטיגט — איבערהויפט ביי JFK, דער לאנד׳ס פארנט אריינגאנג צו דער וועלט,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״די אינוועסטירונגען וואס מיר מאכן היינט וועלן זיכער מאכן אז אלע ניו יארקער, און די צענדליגע מיליאנען מענטשן וועלכע קומען אהער יעדעס יאר, האבן אן ערשטראנקיגער דורכלעבעניש אויף צו מארגנס — און גלייכצייטיג שאפן איבער 10,000 דזשאָבס. קאנגראטולאציעס און א דאנק אייך צו יעדער וואס האט אריינגעלייגט יארן שווערע ארבעט צו מאכן דעם טראנספארמירנדן פראיעקט מעגליך.״

געאייגנט אויף צו אקאמאדירן די אויפשטייגנדע פארלאנג פאר אינטערנאציאנאלע לופט רייזע, וועט דער נייער ׳טערמינאל איינס׳ זיין מער ווי דאפלט די גרויסקייט פון ׳טערמינאל 1׳ און ׳טערמינאל 2׳. ליכטיגע און לופטיגע טשעק-אין זאלן און אנקום ערטער, פארגעשריטענע סעקיוריטי טעכנאלאגיע און א סטעיט-אָוו-דע-אַרט באגאזש באהאנדלען סיסטעם וועט גאר פארבעסערן דער פאסאזשיר דורכלעבעניש. דער נייער ׳טערמינאל איינס׳ וועט האבן דאפלט די צאל איצטיגע געיטס וואס דינען ברייטער-קערפער פליגעצייג, מיט 22 פון די 23 נייע געיטס געאייגנט פאר גרעסערע פליגעצייג וואס זענען דאס שליסל צו אינטערנאציאנאלע ארומרייזן.

מיט איבער 300,000 סקווער פיס פון וועלטס-קלאסישע, ארטיג-אינספירירטע רעסטוראנטן און ריטעיל קאנצעסיעס, ווי אויך לאָונדזשעס, אינעווייניגע גרין-נאטור ערטער, באגייסטערנדע עפנטליכע קונסטווערק, פאמיליע פריינטליכע באקוועמליכקייטן און איבערגעמאכטע שאסייען, וועט דער נייער ׳טערמינאל איינס׳ צושטעלן פאר קאסטומערס דער ערשטראנקיגער דורכלעבעניש וואס איז צו ערווארטן פון א וועלט-בארימטע אריינגאנגס פונקט, און עס וועט זיך פארמעסטן מיט עטליכע פון די עקסטראנקירטע עירפארט טערמינאלן אין דער וועלט.

אין זיך האלטן מיט דער פארט אויטאריטעט׳ס אנטשלאסנקייט צו ערגרייכן נעטאָ-זעראָ גרינהויז גאז לופט-פארפעסטונגען ביז 2050, וועט דער טערמינאל זיין שטאנדהאפטיג אויסטטיליזירט און צוקונפטיג פאקוסירט, אריינגערעכנט אויפ׳ן-ארטיגע באנייבארע ענערגיע אויפטרייבונג, עלעקטרישע ערד-שטיצע געצייג און אפטימיזירטע באלייכטונגען און געביידע קאנטראלירן.

צום ערשט ערווארטעט זיך צו לאזן אין גאנג אין 2020, האט אבער דער שווערער אימפאקט פון דער קאָוויד-19 פאנדעמיע אויף לופט-רייזן פארלאנגט אז דער פארט אויטאריטעט און דער ׳נייער טערמינאל איינס׳ (NTO) קאנסארטיום זאלן איבערמאכן דעם סטרוקטור פונ׳ם פריערדיגן אפמאך צו בויען און אפערירן דעם נייעם טערמינאל. א געענדערטע אפמאך איז באשטעטיגט געווארן דורכ׳ן פארט אויטאריטעט באָורד פון קאמיסיאנערן און אויסגעמאלדן דורך גאווערנער האוקול אין דעצעמבער 2021, ערמעגליכנדיג דעם פראיעקט זיך פאראויס צו ציען.

אין יוני, האט דער פארט אויטאריטעט׳ס באָורד אויך געשטימט צו באוויליגן א נייע הויפט אינוועסטירער אין דעם פראיעקט. ׳פעראוויאל׳, אן אלוועלטליכער עירפארט אפערירער מיט ערפארונג אין בויען וועלט-בארימטע טערמינאלן, האט געקויפט 96 פראצענט פון דעם ׳קאַרלייל גלאָבאַלע אינפראַסטרוקטור פאָנד׳ס׳ 51-פראצענטיגע פארמאגערשאפט אין דעם ׳נייעם טערמינאל איינס׳. דער קאנסארטיום, וואס באשטייט אויך פון די פינאנציעלע שותפים ULLICO און ׳JLC אינפראסטרוקטור׳, וועט פלאנירן, בויען און אפערירן דעם סטעיט-אָוו-דע-אַרט טערמינאל.

די פולע קאסטן פון דעם טערמינאל וועלן זיין פריוואט פינאנצירט דורך דעם NTO קאנסארטיום. די פארט אויטאריטעט וועט אונטערנעמען א צאל אינפראסטרוקטור אָפּגרעידס און פארבעסערונגען אריינגערעכנט ראודס, פארקינג, און יוטיליטיס, אריינגערעכנט א נייע עלעקטרישע קראפט סובסטאנציע,

אלס טייל פון דעם פראיעקט. דער פראיעקט וועט געבויט ווערן אין עטליכע פאזעס, מיט׳ן אנקום און ארויספאר זאל און 14 נייע גייט ערווארטעט זיך צו עפענען אין 2026 און פארענדיגן דעם טערמינאל׳ס לעצטע ניין גייטס אין 2030.

דער ׳נייער טערמינאל איינס׳ וועט געבויט ווערן אויף די ערטער פון דעם איצטיגן קלענערן און פארעלטערטן ׳טערמינאל 1׳, דעם פארעלטערטן און אויסגעניצטן 60-יעריגן ׳טערמינאל 2׳, און דעם ארט פונ׳ם געוועזענעם ׳טערמינאל 3׳, וואס איז צעווארפן געווארן אין 2014. אויף אויסצוהאלטן פולקאמע פלי-רייזע אפעראציעס דורכאויס די געבוי ארבעט, וועט דאס צעווארפן אלטע סטרוקטורן זיין קאארדינירט מיט׳ן עפענען פון נייע איינריכטונגען. ארבעט וועט זיך אנהייבן ביי דעם ליידיגן ׳טערמינאל 3׳ ארט. ׳טערמינאל 2׳ וועט צעווארפן ווערן נאכדעם וואס ׳דעלטא עירליינס׳ וועט קאנסאלידירן אירע אפעראציעס ביי א נייעם פארברייטערטן און מאדערניזירטן ׳טערמינאל 4׳ אין 2023. דער איצטיגער ׳טערמינאל 1׳ וועט אראפגעריסן ווערן נאכדעם וואס דער ערשטער פאזע פון דעם ׳נייעם טערמינאל איינס׳ איז פארטיג אין 2026, ערמעגליכנדיג פאר דער צווייטער פאזע פון דעם פראיעקט זיך פאראויס-ציען.

**פארט אויטאריטעט פארזיצער קעווין או׳טול האט געזאגט,** ״די היינטיגע אנהייב ארבעט אויף א ׳נייער טערמינאל איינס׳ פארטרעט א באדייטנדע טריט צו פארזיכערן אז אונזער ראיאן בלייבט דעם לאנד׳ס אריינגאנגס פונקט צו דער וועלט. נאכ׳ן פארטיגן, וועט דער נייער טערמינאל פארטרעטן נאך א קריטישן טריט אין אויפדאסניי אויסטיליזירן אונזערע לופטפעלדער אויף רחבות׳דיגע זאלן וועלכע ליפערן פאר פאסאזשירן א וועלט-בארימטער דורכגאנג אויף א שטאנדהאפטיגן אופן און גלייכצייטיג דינען אלס עקאנאמישע מאטארן פאר דעם ארומיגן אומגעגנט.״

**פארט אויטאריטעט עקזעקיוטיוו דירעקטאר ריק קאטאן האט געזאגט,** ״דער ׳נייער טערמינאל איינס׳ פראיעקט פארטרעט דער גרעסטער און מערסט-דרייסטער פובליק-פריוואטע צוזאמארבעטשאפט אין די געשיכטע פון פארט אויטאריטעט עירפארטס, אריינגעמענדיג דאס זיך פארפליכטן 9.5 ביליאן דאלער פון פריוואטע אינוועסטירונג, אלצדינג געברענגט צום טיש דורך פריוואטע אינוועסטירער וועלכע האבן צוטרוי צו ניו יארק, צוטרוי צום ראיאן און צוטרוי צום צוקונפט פון JFK אינטערנאציאנאלן לופטפעלד. אונזער בפירוש׳ער ציל איז צו בויען איינע פון די 10 העכסטראנקירטע טערמינאלן אין דער וועלט, און מיט די היינטיגע אנהייב ארבעט אויף אן ערשטראנקיגן ׳נייער טערמינאל איינס׳, איז JFK אויפ׳ן וועג צו ווערן אן אלוועלטליכער אריינגאנגס טויער ווי עס קומט זיך פאר׳ן ראיאן.״

**פארט אויטאריטעט וויצע פארזיצער דזשעפרי לינפארד האט געזאגט,** ״נישט נאר איז JFK אינטערנאציאנאלע לופטפעלד דעם לאנד׳ס פארנומענסטע פאר אינטערנאציאנאלע רייזן, שאפנדיג נייטיגע פארבינדונגען מיט׳ן רעשט פון דער וועלט, נאר עס איז אויך א וויכטיגע עקאנאמישע מאטאר פאר אונזער גאנצן ראיאן. די היינטיגע אנהייב ארבעט פאר א ׳נייער טערמינאל איינס׳ איז א וויכטיגע טריט פאראויס אין די טראנספארמאציע פון JFK אויף א וועלט-בארימטער אלוועלטליכער אריינגאנגס פונקט וואס וועט ווייטער טרייבן אונזער ראיאן׳ס עקאנאמישע אויפשטייג און שאפן טויזנטער גוט-באצאלטע דזשאָבס. דער פארט אויטאריטעט פראגראם צו טראנספארמירן די ראיאן׳ס לופטפעלדער אויף וועלט-בארימטע אריינגאנגס פונקטן וועט שפילן א קריטישער ראלע אין אונזערע באמיאונגען זיך צו ערהוילן פון דער פאנדעמיע און בויען דעם יסוד פון דעם צוקונפט.״

**דר. דזשעראַרד פי. בושעל, הויפט עקזעקיוטיוו באאמטער פון דעם ׳נייער טערמינאל איינס׳, האט געזאגט,** ״ווען עס וועט פארטיג זיין, וועט דער פראיעקט ברענגען א וועלט-בארימטן טערמינאל וואס איז שטאנדהאפטיג אויסטיליזירט און פאקוסירט אויפ׳ן צוקונפט, און א נייע אריינגאנגס פונקט צו דער וועלט׳ס גרעסטער שטאט. דורך אונזער ברייטע צוזאמארבעט מיט דער קאמיוניטי און ארבעטסקראפט,

וועלן מיר טרייבן היסטאריש הויכע MWBE פירמע אנטיילנעמונג צילן, און ליפערן דזשאָבס און ווירקליכע עקאנאמישע געלעגנהייטן פאר דער קאמפיין אויף קומענדיגע דורות.״

**געבוי און קאנסטרוקציע האנדלס קאונסיל פון גרעיטער ניו יארק׳ פרעזידענט גערי לאבארבערא האט געזאגט,** ״די היינטיגע אנהייב ארבעט אויף א נייעם ׳טערמינאל איינס׳ ביי JFK אינטערנאציאנאלע לופטפעלד פארטרעט די אנהייב פון נאך א קריטישן, גרויס-פארנעמיגן אינפראסטרוקטור אָפּגרעיד וואס וועט שפילן א וויכטיגע ראלע אין ניו יארק׳ס אנגייענדע עקאנאמישע ערהוילונג און שאפן טויזנטער גוט-באצאלטע, מיטל-קלאס קאריערעס מיט בענעפיטן. היינט מער פון אלעמאל דארפן מיר דעוועלאפמענט פראיעקטן וואס שאפן שטאנדהאפטיגע קאריערע געלעגנהייטן פאר אונזער שטאט׳ס ארבעטער, און מיר דאנקען גאווערנער האוקול פאר איר אנגייענדע פירערשאפט און פעסטע געטריישאפט צו זיכער מאכן אז די דזשאָב-שאפנדע פראיעקטן זענען דעם אריינגאנגס טויער צו א נייע תקופה אין ניו יארק. אונזערע מיטגלידער שטייען גרייט און קוקן ארויס אויף געשווינד אונטערהייבן זייערע ארבעט אויף צו פולקאם מאדערניזירן JFK אינטערנאציאנאלע לופטפעלד אויף דעם עקזעמפלארן, וועלט-בארימטע טראנספארטאציע צענטער וואס קומט זיך פאר ניו יארקער און פאר אונזערע באזוכער.״

**טראנספארמירן JFK אויף א וועלט-בארימטע אלוועלטליכע אריינגאנגס טויער**

דער ׳נייער טערמינאל איינס׳ בויט אויף די מאמענטום פון די אנדערע דריי הויפט שטאנדטיילן פון דער עירפארט׳ס טראנספארמאציע. די 3.9 ביליאן דאלערדיגע געבוי ארבעט אויף א טעכנאלאגיש פארגעשריטענעם נייעם טערמינאל 6, געבויט צו ווערן דורך ׳JFK מילעניום פּאַרטנערס׳ אויף דער עירפארט׳ס צפון זייט און וואס וועט זיך גלאטערהייט באהעפטן מיט ׳דזשעט-בלו׳ס׳ איצטיגע ׳טערמינאל 5׳, איז באוויליגט געווארן דורך דער פארט אויטאריטעט באָורד פון קאמיסיאנערן אין אויגוסט, 2021. די 1.5 ביליאן דאלערדיגע פארברייטערונג פון ׳טערמינאל 4׳, אנגעפירט דורך ׳דעלטא׳ און ׳JFK אינטערנאציאנאלע לופט טערמינאל׳, איז באשטעטיגט געווארן אין פרילינג און קאנסטרוקציע איז שוין איצט אונטערוועגנס. אין צוגאב האט זיך אנגעהויבן ארבעט אין דעצעמבער 2019 אויף דער 425 מיליאן דאלערדיגער פארברייטערונג פון JFK׳ס ׳טערמינאל 8׳, אנגעפירט דורך ׳אמעריקען עירליינס׳, וואס אפערירט דעם טערמינאל, און ׳בריטיש עירוועיס׳, וואס וועט זיך אריבערציען צו ׳טערמינאל 8׳ פון ׳טערמינאל 7׳, נאכדעם וואס דער פראיעקט ווערט פארטיג ביים ענדע יאר.

אלעס אינאיינעם, וועלן די פריוואט פינאנצירטע טערמינאל פראיעקטן אינאיינעם מיט דער פארט אויטאריטעט׳ס שאסייען, פארקינג און אינפראסטרוקטור פראיעקטן פארטרעט אן 18 ביליאן דאלערדיגער טראנספארמאציע פון ׳JFK אינטערנעשענעל׳ און אן אויסגעצייכנטער סעריע פון פובליק-פריוואטע צוזאמארבעטשאפטן. די פארט אויטאריטעט קאפיטאל אינוועסטירונג פון 2.9 ביליאן דאלער ניצט אויס פריוואטע אינוועסטירונג אויף א ראטע פון איבער פינף-צו-איינס ווען מען רעכנט אריין די פולע פריוואטע אינוועסטירונג פון איבער 15 ביליאן דאלער וואס איז פארשפראכן געווארן צו די פיר פראיעקטן אין וועלכע עס באשטייט דער פולער JFK איבערבוי פראגראם.

**קאנגרעסמאן גרעגארי מיקס האט געזאגט,** ״די קאנסטרוקציע אויף דעם ׳נייער טערמינאל איינס׳ ביי JFK צייגט אז מאדערניזירן הויפט טראנספארטאציע צענטערס און גלייכצייטיג שטעלן אין צענטער קאמיוניטי געברויכן און פאסאזשיר דורכלעבעניש זענען קריטיש פאר די עקאנאמישע אויפשטייג פון א ראיאן. די ביליאנען דאלארען אינוועסטירט אין דעם טראנספארמירנדן פראיעקט וועלן שאפן טויזנטער גוטע דזשאָבס און MWBE פירמעס און ארטיגע קאנטראקטירונג געלעגנהייטן צווישן אנדערע בענעפיטן. אלס מיט-פארזיצער פון קאמיוניטי בעראטונגס קאונסיל, קוק איך ארויס אנצוהאלטן ווייטער די ארבעט מיט אלע אונזערע צוזאמארבעטער צו פארווירקליכן די פעסט אוועקגעשטעלטע ארבעטסקראפט אנטוויקלונג געלעגנהייטן, בילדונגס פראגראמען און ענווייראנמענטאלע שטאנדהאפטיגקייט פארפליכטונגען פאר די געגנטער ארום JFK.״

**סטעיט סענאטאר לעראוי קאמרי האט געזאגט,** "JFK עירפּארט דינט אלס א נייטיגע אריינגאנגס פונקט, באהעפטנדיג דער וועלט צו אונזער ראיאן. דאס אנהייבן ארבעט ציינט ניו יארק'ס אנטשלאסנקייט צו פארבעסערן און אינוועסטירן אין א JFK וואס קען נאכקומען די צוקונפטיגע טראנספּארטאציע געברויכן פון דעם טריי-סטעיט געגנט. איך בין דאנקבאר פאר די פירערשאפט פון גאווערנער האוקול, די פלייסיגע ארבעט פון דער פארט אויטאריטעט, און אלע וועלכע נעמען אנטייל אין שאפן דער נייער תקופה פון אויסצייכענונג פאר JFK."

**סטעיט סענאטאר דזשאסעף פּי. אדאבא דזשוניאר האט געזאגט,** "דאס אנהייבן ארבעט אויפ'ן נייעם 'טערמינאל איינס' ביי דזשאן עף. קענעדי אינטערנאציאנאלע לופטפעלד איז א גרויסער טריט צום צוקונפט פון ניו יארק. דורך מאכן די נייטיגע אינוועסטירונגען אין אונזער אינפראסטרוקטור לאזן מיר וויסן פאר ניו יארקער און באזוכער אז מיר זענען אנטשלאסן זיי צו שאפן א פארבעסערטע דורכלעבעניש ביים רייזן צו און פון אונזער סטעיט דורך שאפן א מער גינציג-פונקציאנירנדן עירפּארט. דער פּראיעקט וועט שאפן טויזנטער נייע דזשאָבס, אריינגערעכנט יוניאָן קאנסטרוקציע דזשאָבס, ווי אויך נאך דזשאָב געלעגנהייטן ווען דער טערמינאל איז אפן."

**סטעיט סענאטאר דזשעימס סענדערס דזשוניאר האט געזאגט,** "אפילו אין דער צייט וואס מיר ארבעטן אויס א קאמיוניטי בענעפיט אפמאך, מיר אפלאדירן די פארשריט ביז אהער. JFK'ס 'טערמינאל 1' וועט אדרעסירן זיכערהייט, גינציגסטע פונקציע און ניצבארקייט וואס מאכן רייזן א בעסערער, מער הנאה'דיגער דורכלעבעניש פאר איינוואוינער און באזוכער, און ברענגען דעם אריינגאנגס טויער צום סאמע פארנט פון דער מאדערנער תקופה."

**אסעמבלי-מיטגליד סטעיסי פעפער אמאטא האט געזאגט,** "דאס אנהייבן ארבעט אויף 'טערמינאל איינס' ווייזט אונזער סטעיט'ס קלארע ציל פון צושטעלן נייע דזשאָבס און א שטארקע עקאנאמישע געלעגנהייט פאר ארבעטער, אלצדינג בשעת'ן זיין ענווייראנמענטאל פאראנטווארטליך. דורך דער אינוועסטירונג, און א געווידמעטע אנטשלאסנקייט דורך אונזער סטעיט, ברענגען מיר דזשאָב וואוקס צו סאוט קווינס, און JFK אריין אין דעם 21'סטן יארהונדערט דורך פארזיכערן אז אונזער עירפּארט אפערירט און ניצט די מערסט מאדערנע און ענערגיע-גינציגע טעכנאלאגיע וואס איז פאראן. דאס זאגט עדות אויף אונזער קאמיוניטי, אונזער סטעיט און די איינוואוינער פון ניו יארק."

**אסעמבלי-מיטגליד אליסיע הינדמען האט געזאגט,** "דאס א באגייסטערנדע גרייכפּונקט פאר JFK עירפּארט. וויבאלד דער JFK 'טערמינאל איינס' פּראיעקט וועט זיכער פארברייטערן די סערוויסעס פון דעם עירפּארט, וועט עס אויך שאפן מער דזשאָבס פאר יחידים און ביזנעסער. עס איז העכסט נייטיג צו פאדערן און פארזארגן הויכע קוואליטעט טרעינירונג און גלייכצייטיג בויען דעם נייעם טערמינאל און צוגרייטן ארבעטער צו קאמוניקירן מיט קאסטומערס דורכצולעבן דער פאזיטיווער טראנזיציע. ענדגילטיג, בין איך איבערצייגט אז דער 'נייער טערמינאל איינס' (NTO) וועט גערעכנט ווערן אלס דעם נייעם סטאנדארט פון עירפּארט טערמינאלן און וועט אויסגעשטעלט ווערן צו אקאמאדירן פאסאזשירן צו זייער באקוועמליכקייט."

**אסעמבלי-מיטגליד מישאעל סי. סאלעדזשעס האט געזאגט,** "היינט, פרייען מיר זיך איבער א באדייטנדע גרייכפּונקט אין דאס איבערבויען דעם JFK אינטערנאציאנאלן לופטפעלד. מיט'ן פארטיגן דעם 'טערמינאל איינס' פּראיעקט, ציען מיר זיך אלץ נאענטער נאכצוקומען די פאדערונגען פון 21'סטן יארהונדערטיגע ארומרייזן. איך אפלאדיר גאווערנער האוקול, לעיבאָר, און אלע סטעיקהאָלדער אויף דעם אויסגעצייכנטער דערגרייכונג און איך קוק ארויס צו א וועלט-בארימטע, העכסטראנקיגע טערמינאל וואס וועט זיין דער גרעסטער אינטערנאציאנאלער טערמינאל ביי JFK."

**קווינס בארא פרעזידענט דאנאוואן ריטשערדס דזשר. האט געזאגט,** ״עס איז ווירקליך א היסטארישן טאג פאר קווינס און פאר די מיליאנען רייזנדער וואס מיר ענטפאנגען צו אונזער שטאט דורך קענעדי עירפארט, אזוי ווי מיר הייבן אן ארבעט אויף איינע פון די גרעסטע אינפראסטרוקטור און עקאנאמישע אנטוויקלונג פראיעקטן אין אונזער בארא׳ס היסטאריע. מיט׳ן שאפן לכל הפחות 10,000 דזשאָבס, פילע פון וועלכע וועלן גיין צו ארטיגע איינוואוינער, און מיליאנען דאלארען אין קאנטראקטן צו קווינס ביזנעסער, וועט דער שפאגל-נייער ׳טערמינאל איינס׳ זיין אן אומבאשרייבליך וויכטיגער אונטערהייב צו דער קווינס עקאנאמיע, דער קריטיש-וויכטיגער אוויאציע אינדוסטריע, און דעם ראיאן בכלל. א דאנק אייך גאווערנער האוקול, דער פארט אויטאריטעט און יעדע איינציגע צוזאמארבעטער וואס האט געהאלפן מאכן היינט א ווירקליכקייט.״

**ניו יארק סיטי קאונסיל ספיקער עדריענע אדאמס האט געזאגט,** ״JFK עירפארט איז א נייטיגע דורכגאנג טויער פאר׳ן ניו יארק סיטי מעטראפאליטען ראיאן און א הויפט עקאנאמישע מאטאר אין סאוט-איסט קווינס. דער ׳נייער טערמינאל איינס׳ וועט שאפן דזשאָבס, פארזארגן נייע געלעגנהייטן פאר קלענערע ביזנעסער, און פארבעסערן דער פאסאזשיר דורכלעבעניש פאר באזוכער און ניו יארקער. דער פראיעקט וועט אויך פארבעסערן ארטיגע שאסייען און אינפראסטרוקטור, וואס איז קריטיש-וויכטיג פאר דער פאראויסגאנג פון די קאמיוניטיס ארום דעם עירפארט. אזוי ווי דער טראנספארמאציע פון JFK עירפארט ציעט זיך ווייטער, קוק איך ארויס צו וויטערטיגע צוזאמארבעט מיט אלע סטעיקהאָלדערס צו זיכער מאכן אז סאוט-איסט קווינס און אלע ניו יארקער גענייסן פון די קריטיש-וויכטיגע אינוועסטירונגען.״

**ניו יארק סיטי קאונסיל מאיאריטעט וויפ סעלווענא נ. ברוקס-פאווערס האט געזאגט,** ״אלס די געוועזענע פארוואלטערין פון אויסערליכע אנגעלעגנהייטן און קאמיוניטי ארויסגרייך-באמיאונגען פאר דער פארט אויטאריטעט, בין איך בין דאנקבאר אנצוהייבן די ארבעט אויף די סטעיט-אָוו-דע-אַרט 9.5 ביליאן דאלערדיגער ׳טערמינאל איינס׳ פראיעקט, אריינצוברענגען 10,000 דזשאָבס, פון וועלכע 6,000 זענען יוניאָן פאסטנס. שוין פון פריער אן אינטערנאציאנאלער טראנספארטאציע צענטער, וועט JFK ווירקליך זיין דער ווענדפונקט פון קאנסטרוקציע דזשאָבס, געלעגנהייטן פאר MWBE פירמעס, און וועלט-בארימטע טראנספארטאציע אויפ׳ן מזרח-בארטן. איך קוק ארויס צו ארבעטן מיט מיינע ערוועלטע קאלעגעס צו פארברייטערן צוטריט צו קלענערע און ארטיגע MWBE פירמעס אין סאוט-איסט קווינס, שאפן שולעריי געלעגנהייטן פאר אונזערע יונגווארג און צושטעלן אינפראסטרוקטור געלעגנהייטן דורך דעם JFK איבערגעבוי פראיעקט.״

**קאונסיל-מיטגליד נאנטאשא וויליאמס האט געזאגט,** ״איידער איך בין געווארן א קאונסיל-מיטגליד, האב איך געארבעט פאר׳ן JFK איבערגעבוי פראגראם, און עס איז באגייסטערנד צו זען אלע פארשריטן טראץ אן אלוועלטליכער פאנדעמיע וואס האט פארקריפלט דער רייזע אינדוסטריע. דער פראיעקט וועט פארעמען דעם צוקונפט פון איינע פון די הויפט עירפארטס אין אונזער לאנד. דאס אנהייבן ארבעט אויף ׳טערמינאל איינס׳ איז א טריט צו אויפלעבן דער גאר וויכטיגער אייגנשאפט. איך בין באגייסטערט צו זען די פארשריט אויף דעם פראיעקט פון ווען איך האב געארבעט דערויף, און איך קוק ארויס צו איר פארטיג ווערן. דער נייער סטעיט-אָוו-דע-אַרט טערמינאל וועט צושטעלן א פארבעסערטע דורכלעבעניש פאר סיי איינוואוינער און סיי באזוכער ביים עירפארט. איך וויל דאנקען גאווערנער האוקול, די פארט אויטאריטעט, די ׳נייער טערמינאל איינס׳ מאנשאפט, און יעדער וואס האט בייגעשטייערט צו דעם פראיעקט.״

**׳גרעיטער דזשעמעיקע דעוועלאפמענט קארפארעישען׳ פרעזידענט און CEO דזשאסטין ראדזשערס האט געזאגט,** ״JFK עירפארט איז דער לעבנסקראפט פון סאוט-איסט קווינס און דזשעמעיקע, און איז א גורם פון א גרויסן טייל פון איר עקאנאמישע לעבהאפטקייט. אנגייענדע אינוועסטירונג אין JFK איז, פארצויגן, אן אינוועסטירונג אין אונזער געגנט און קלענערע ביזנעסער. א דאנק אייך גאווערנער האוקול און דער פארט אויטאריטעט פאר שאפן געלעגנהייטן פאר אונזער קאמיוניטי.״

**קווינס טשעימבער אָוו קאָמערס פרעזידענט און CEO טאָם גרעק האט געזאגט,** ״אלס דער עלטסטער און גרעסטער ביזנעס אסאסיעשען אין קווינס, איז פאר אונז א גרויסן פארגעניגן צו שטיין מיט גאווערנער האוקול, און אונזערע פריינט ביי דער פארט אויטאריטעט צו שטעלן אין גאנג קאנסטרוקציע אויף דער היסטארישער אינוועסטירונג אין JFK אינטערנאציאנאלער לופטפעלד. די 9.5 ביליאן דאלערדיגע אינוועסטירונג צו שאפן א וועלט-בארימטע פאסאזשיר דורכלעבעניש ביי ׳טערמינאל 1׳ וועט פארזארגן געלעגנהייטן פאר ארטיגע MWBE פירמעס און זיין א ריזיגע אונטערהייב-כוח צו אונזער ראיאן׳ס עקאנאמישע ערהוילונג. מיר זענען אויסערגעוועגליך שטאלץ פון דער ראלע וואס קווינס טשעימבער מיטגלידער האבן געשפילט אין דעם טראנספארמירנדן פראיעקט.״

**ניו יארק טריי-סטעיט צווייג פון דעם נאציאנאלער אסאסיעשען פון מינאריטעט קאנטראקטארן פרעזידענט נאיאן פאריק האט געזאגט,** ״מיר ווילן גראטולירן גאווערנער קעטי האוקול אויף איר פירערשאפט און אומוואקלדיגע שטיצע פאר דער MWBE קאמיוניטי. איך וויל איך קאמפלימענטן דער פארט אויטאריטעט פאר זייער ווייטן בליק אין שאפן איבער 10,000 דזשאָבס מיט א פעסטגעהאלטענע 30 פראצענטיגע MWBE ציל. NAMC און אונזער געטרייע באָורד און מיטגלידער זענען גרייט צוצושטעלן די רעסאָרסן און פעאיגקייט-בויען צו שטיצן דער גרויס-השפעה׳דיגער באמיאונג מיט׳ן גאנצן הארץ.״

**קוואניע אברו, פרעזידענטקע פון דעם ניו יארקער פרויען׳ס טשעימבער אָוו קאָמערס האט געזאגט,** ״מיר גראטולירן גאווערנער האוקול און אונזערע פריינט ביי דער פארט אויטאריטעט אויף דעם קריטיש-וויכטיגן טריט צו טראנספארמירן JFK. די היסטארישע אינוועסטירונג אין JFK וועט העלפן שאפן נייע עקאנאמישע געלעגנהייטן פאר דער MWBE קאמיוניטי און אונזער גאנצן ראיאן, און מיר קוקן ארויס צו ארבעטן ווייטער מיט אונזערע שותפים אויף דעם קריטיש-וויכטיגן פראיעקט.״

**קעווין דאָבליו. אלעקסאנדער, פרעזידענט און CEO, ראַקעוועי אנטוויקלונג און אויפלעבונג קארפאראציע, האט געזאגט,** ״היינט איז נאך א מערקפונקט טאג פאר קווינס מיט גאווערנער האוקול׳ס אויסמעלדונג איבער דעם 9.5 ביליאן דאלערדיגן JFK טערמינאל פראיעקט. די ׳טערמינאל איינס׳ מאנשאפט קומט זיך א ריזיגע מאס קרעדיט נישט בלויז פאר זייער וויזיאנערישן פלאן צו קאנסאלידירן און טראנספארמירן טערמינאלן 2,1 און 3 נאר אויך פאר זייער אנגייענדע אנטשלאסנקייט צו שאפן דזשאָבס, קאריערעס און געלעגנהייטן פאר סאוט-איסט קווינס ביזנעס-שאפער און מינאריטעט-באזיצטע ביזנעסער פאר פילע קומענדיגע דורות. אלס מיט-פארזיצער פון דעם JFK באראטונגס קאונסיל׳ס קאריערע און ארבעטסקראפט אנטוויקלונג קאמיטע קוקן מיר ארויס צו ארבעטן מיט גאווערנער האוקול, דער פארט אויטאריטעט פון NY און NJ און מיט ׳טערמינאל איינס׳ אין צוגרייטן אונזערע ארטיגע איינוואוינער אנצופילן די דזשאָב געלעגנהייטן און קאריערע צוגאנגען.״

**טאָם רייט, פרעזידענט און CEO פון ׳ראיאנישע פלאן אסאסיעשען׳ האט געזאגט,** ״RPA פריידט זיך צו זען דער הויפט אינוועסטירונג אין JFK עירפארט, וואס וועט אונטערהייבן עקאנאמישע אנטוויקלונג און דער ראיאן׳ס פארמעסטערישקייט און דערגאנצעט דאס איבערהוילן לאגווארדיע און גרויסע אינוועסטירונגען אין ׳ניוואַרק-ליבערטי׳ עירפארטס. אזוי ווי מיר האבן באשלאסן אין RPA׳ס פערטן ראיאנישן פלאן, זענען אונזערע עירפארטס דעם ארייגאנגס פונקט צו אונזער ראיאן און נייטיג צו אונזער אנגייענדע ערפאלג און בליאונג. מיט די אינוועסטירונגען, זעצט פאר ווייטער דער פארט אויטאריטעט צו זיין א פירער אין פובליק-פריוואטע צוזאמארבעטשאפטן, וואס קעל ליפערן קאפיטאל פארבעסערונגען אויף א מער פארזיכערטן אופן און דינען אלס מוסטער פאר אנדערע ראיאנישע אגענטורן. מיר קוקן ארויס צו ארבעטן מיט אונזער ראיאן׳ס פירער און דער פארט אויטאריטעט ווייטער צו אויפריכטן אונזערע סיסטעמען צו ערשטראנקיגע סטאנדארטן.״

**קארלא א. סציסורא, עסקוויייער, פרעזידענט און CEO פון דעם ניו יארקער געבוי קאנגרעס, האט געזאגט,** ״דער ניו יארקער געבוי קאנגרעס איז באגייסטערט צוצוזען די אנהייב פון קאנסטרוקציע אויף JFK׳ס נייעם ׳טערמינאל איינס׳ — און איז שטאלץ אז אונזערע מיטגלידער זענען די וועלכע פלאנירן און בויען עס. קאנגראטולאציעס קומט זיך פאר ריק קאטאן און יעדן איינעם ביי דער פארט אויטאריטעט פאר מאכן דעם טאג א ווירקליכקייט. אונזערע עירפארטס זענען דער אריינגאנגס טויער פון דער וועלט צו דער שטאט, און איז העכסט-נייטיג אין ממשיך זיין ניו יארק׳ס מאכטפולע צוציענד-קראפט פאר אלוועלטליכער טוריזם. גאווערנער האוקול און איר אדמיניסטראציע ווייזן ווייטער זייער אנטשלאסנקייט צו אינוועסטירן אין אונזער אינפראסטרוקטור און שאפן טויזנטער דזשאָבס פאר אונזער ארבעטסקראפט.״

**ראפאעל דעל פינא, פארזיצער פון ׳פעראוויאל׳, האט געזאגט,** ״מיר שטאלצירן זיך צו זיין א טייל פון דעם נייעם ׳טערמינאל איינס׳ קאנסארטיום און מיר האבן גרויס חשק צו ארבעטן מיט אונזערע צוזאמארבעטער און מיט דער פארט אויטאריטעט פון ניו יארק און ניו דזשערזי צו מאכן דעם איקאנישן פראיעקט אן ערפאלג.״

**דזשים רעינאלדס, גרונדער און פארוואלטונג שותף ביי ׳JLC אינפראסטרוקטור׳, האט געזאגט,** ״כאטש מיר ארבעטן שוין אויף דעם דעוועלאפמענט שוין א גוטע שטיק צייט, דאך טוט היינט אפצייכענען דער אנהייב פון וואס מיר האבן זיך ארויסגעלאזט צו טון. ליפערן אן ערשטראנקיגן טערמינאל, שאפנדיג פילע דזשאָבס און געלעגנהייטן און פארוואלטן א גוטער ביזנעס — דאס איז אונזער ציל אויף די קומענדע 38 יאר.״

**עד סמיט, פרעזידענט און CEO פון ׳אוליקא אינק.׳ האט געזאגט,** ״דאס איז נישט בלויז דער גרעסטער 3P אינפראסטרוקטור פראיעקט אין אמעריקע. עס איז א שיינענדער ביישפיל פון וואס עס קען אויפגעטון ווערן ווען ארבעטער, זייערע יוניאָנס און ביזנעסער פאראייניגן זיך מיט א געמיינזאמע מיסיע צו בויען אונזער לאנד.״

**איבערבויען דזשי. עף. קעי. עירפארט שטימט מיט די אינטערעסן פון דער ארטיגער קאמיוניטי**

אין 2018, איז דער JFK איבערגעבוי קאמיוניטי בעראטונגס קאונסיל געשאפן געווארן. אירע קא-פארזיצער זענען יו-עס קאנגרעסמאן גרעגארי מיקס און קווינס בארא פרעזידענט דאנאוון ריטשערד, און עס באשטייט פון ערוועלטע באאמטע, קאמיוניטי באורדס, ביזנעס און נאנפראפיט ארגאניזאציעס, בירגערליכע ארגאניזאציעס, און קלעריקער פון די געצילטע ארטיגע קאמיוניטיס פון סאָוט-איסט קווינס, סאָוט-וועסט קווינס, די ראקעוועיס, און מערב טיילן פון נעסאוי קאונטי.

זינט איר אויפקום, ארבעט דער קאונסיל מיט דער פארט אויטאריטעט אויף צו פארברייטערן קאמיוניטי ארויס-גרייך באמיאונגען און צו שאפן קאמיוניטי-פאקוסירטע פראגראמען, פארזיכערנדיג אז דער אמביציעזער פראיעקט ברענגט ארויס אנגייענדע מיינונגען פון ארטיגע אינטערעסן און גיבט באדייטפולע געלעגנהייטן פאר ארטיגע ביזנעסער, MWBE פירמעס, סטודענטן, און דזשאב זוכער.

דאס רעכנט אריין פראגראמען צו פאראויס-פירן דעם פארט אויטאריטעט׳ס אנטשלאסנקייט צו א 30-פראצענטיגע MWBE קאנטראקטירונג ציל אין אלע ארבעט קאטעגאריעס, און א ספעציעלער פאקוס אויף געלעגנהייטן פאר ארטיגע ביזנעסער לענגאויס אלע הינזיכטן פון דעם דזשעי-עף-קעי ווידער-אנטוויקלונג פראגראם, אריינגערעכנט דעם טערמינאל פראיעקט, וועלכס וועט געבויט ווערן דורך יוניאן לעיבאר אונטער א פולן פראיעקט-לעיבאר אפמאך. אנדערע קאמיוניטי אנטוויקלונג איניציאטיוון פראריזירט דורך דעם קאונסיל קאנצענטרירן זיך אויף דזשאב געלעגנהייטן און ארבעטסקראפט אנטוויקלונג פראגראמען פאר ארטיגע איינוואוינער, קלענערע ביזנעס ארויס-גרייך באמיאונגען און דעוועלאפמענט, און עדיוקעשען פראגראמען פאר ארטיגע סטודענטן.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418